# טשיזשעווער קלעזמארים

איך בין אַן אור־אייניקל פון דער קלעזמער משפחה ריטהאָלץ, אין טשיזשעווע. אָבער מיינע זכרונות דערגרייכן קוים ביז מיין זיידן, ר׳ גדליה דער קלעזמער ע״ה, וועלכן איך, אַלס יינגל, פלעג אין זיינע עלטערע יאָרן פירן צום בית־המדרש יעדן טאָג צום דאַוונען.

ביי דער געלעגנהייט איז ווערט צו באַמערקן, אַז פֿון אונדזער משפחה בין איך געווען דער ערשטער און אפשר דער איינציקער, וואָס האָט זוכה געווען גערופן צו ווערן אין טשיזשעווע מיטן פאַמיליען־נאָמען — ריטהאָלץ. דאָס איז אָבער געשען ערשט אין די יאָרן פונעם ערשטן וועלט־קריג 18—1914. ביז צו דער צייט בין איך אויך נישט געווען קיין אויסנאָם, ווי ס׳איז געווען דער מנהג אין אַנדערע שטעטלעך גערופן צו ווערן מיטן טאַטנס, זיידנס, אָדער שווער און שוויגערס נאָמען און אפילו מיט דעם ווייבס נאָמען און אָפט לויטן פאַך, אָדער באַשעפטיקונג.

האָט מען טאַקע מיין זיידן ע״ה גערופן, גדליה דער קלעזמער, מיין טאַטן ע״ה איצל דער קלעזמער און מיך האָט מען געקענט אונטערן נאָמען: אברהם־יוסף־איצל דעם קלעזמערס.

ביי קריסטן בין איך געווען באַקאַנט אַלס „געדאַלטשוק״, אויפן זיידנס נאָמען.



נישט געקוקט דערויף, וואָס פונקט ווי מיין זיידע אַזוי מיין טאַטע און כמעט די גאַנצע פאַמיליע האָבן זייער נעבעכדיקע פרנסה געצויגן פון זייגער־מאַכעריי. דאָס הייסט פון פאַריכטן זייגערס, האָט מען זיי פונדעסטוועגן גערופן „קלעזמער״.

דאַקעגן איך, כאָטש כ׳האָב פון קינדוויַיז אָן צוגעהאָלפן מיין טאַטן אין דער קלעזמער־פרנסה, שפּעטער, מיט אייגענע כוחות זיך דערוואָרבן ערנסטע ידיעות אין דער מוזיק־קונסט, וועלכע איך האָב תמיד אויסגענוצט פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן, ווי דאָס אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט אַן אָרקעסטער פון יידישן טעאַטער און פאַרוויילונגען, — האָב איך פונדעסטוועגן דעם „קלעזמער־טיטל״ נישט געקריגן.

אפשר איז עס דערפאַר, ווייל דאָס איז נישט געווען מיין פרנסה־קוואַל.

מיין זיידע האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך פיר זין און איין טאָכטער. אַלע האָבן זיי זיך באַשעפטיקט מיט קלעזמעריי.

דאָס שפילן האָט אָבער נישט געגעבן גענוג אפילו אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט, בפרט נאָך, אַז יעדע פאַמיליע איז געווען מטופל מיט עטלעכע קינדערלעך. האָט יעדער טאַקע געהאָט אַ צוגאָב־פרנסה.

מיין באָבע ע״ה פלעגט פאַרקויפן אויף ירידים און מאַרק־טעג קיכלעך. וועלכע זי אַליין פלעגט זיי באַקן.

מיין פאָטער און פעטערס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט זייגערמאַכעריי.

אָבער דאָס שטעטל מיט דער סביבה צוזאַמען איז געווען צו קליין, כדי צו קענען דערנערן די גרויסע זייגערמאַכער־פאַמיליע. פלעגט מען טאָקע צוביסלעך צוהונגערן.

נישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג האָט די קלעזמער־פאַמיליע גענומען זיך פונאַנדערגיין.

וועלוול, דער עלטסטער פון די ברידער, האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין טשעכאַנאָווצע און האָט דאָרט מיט זיינע קינדער געשאַפן אַ קאַפעליע.

אהרן, דער ייִנגסטער, איז אַוועק קיין זעמבראָווע און אויך ער האָט דאָרט געשאַפן אַן אָרקעסטער פון אייגענע און געדונגענע מענטשן.

מיין פאָטער און זיין ברודער יידל, זענען ביידע געבליבן אין טשיזשעווע און זיך באַשעפטיקט מיט ביידע פרנסות (קלעזמעריי און זייגערמאַכעריי), וועלכע זענען נאָר געווען גענוג פאַר זייערע משפחות צו הונגערן די מערסטע טעג פון דער וואָך, ביז מיין פעטער יידל איז ענדלעך אַוועק קיין אַמעריקע.

מיין פאָטער איז געבליבן אין טשיזשעווע. ער האָט דאָ צונויפגעשטעלט אַ קאַפעליע און געווען אַ סך יאָרן דער איינציקער זייגערמאַכער.

צום אַנסאַמבל האָבן געהערט פאָלגענדיקע פּערזאָנען: מיין פאָטער איצל ערשטע פידל, יצחקל דער קלעזמער, צווייטע פידל, יצחקלס ברודער מלך און מיין עלטערער ברודער אהרן דוד טראָמפּייט דער שרייבער פון די שורות — קלאַרנעט אָדער פלייט, אהרן לייבל און איטשע (ביידע טרעגער) זענען געווען „באַסך״, יאָסל דניאלס — פּייקלער.



מיט יאָרן שפּעטער איז דער אָרקעסטער באַדייטנדיק פאַרקלענערט געוואָרן, עס זענען בלויז געבליבן: ביידע פידל־שפּילער און איך פלעג צוהעלפן מיט קלאַרנעט, פּייקלער, זענען געווען פרייוויליקע פון צווישן דערוואַקסענע ייִנגלעך לייריקגייער.

אין זיינע בליענדיקע יאָרן האָט דער אויבנדערמאָנטער אָרקעסטער געשפּילט אויף אָרטיקע חתונות און זעלטן אויך אויף אַנדערע שמחות, אין די אַרומיקע שטעטלעך ווי יעדנושעווע, זאַראָמב אָדער סאָקאָלע, אפילו אויף בעלער אין די אַרומיקע קריסטלעך־פּריצישע הויפן און דאָרפישע קריסטלעכע חתונות.

עס האָט אָפט פּאַסירט, אַז דער מחותן פון אַ נאָענט שטעטל, אָדער דאָרף, פלעגט צוליב פאַרשידענע סיבות פאַרגעסן צוצושיקן אַ וואָגן, כדי צו ברענגען די קלעזמאָרים, האָט דער גאַנצער אָרקעסטער אַוועקגעלאָזט זיך צופוס (די שכירות פאַרן שפּילן איז נישט געווען גענוג אויף צו דינגען אַ וועגעלע).

אויף בעלער, ווו מען האָט פאַרלאַנגט אַ גרעסערע מוזיק, האָט מען אויך געדונגען שפּילער פון אַנדערע שטעט, אפילו פון ביאַליסטאָק.

פון די עפּיזאָדן, וואָס עס פלעגן פאָרקומען, ספּעציעל ביי דאָרפישע חתונות און בעלער, קאָמישע און ערנסטע, וועל איך בלויז דערציילן צוויי פון זיי.

דער ערשטער עפּיזאָד באַווייזט, אַז ביי זיין גאַנצער פּשוטקייט האָט מיין פאָטער פאַרמאָגט דעם כוח פון אַ „הכובש את יצרו״.

געשען איז עס אינעם נאָענטן דאָרף „סודקי״.

אין אַ שיינעם זומערדיקן זונטיק־נאָכמיטאָג זענען מיר געברענגט געוואָרן אין הויף אַריין צו שפּילן אויף אַ באַל. אונטערן פרייען הימל, צווישן בלומען־אַלייען, זענען אויסגעשטעלט געווען רייךגעדעקטע טישן, סערווירט מיט פאַרשידענע פּרוכטן, צוקערלעך, טייערע שאָקאָלאַד און „באָנבאָניערעס״.

פאַרשידענע געטראַנקען. באַזונדערע טישן סערווירטע מיט פאַרשידענע געריכטערטע און געבראָטענע פליישן, וואָס האָבן שטאַרק גערייצט אונדזערע אויסגעהונגערטע אַפּעטיטן. עס האָט אַזש פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

די דינערשאַפט האָט געוווּסט, אַז יידן עסן נישט צוזאַמען מיט קריסטן ביי איין טיש. האָט מען אונדז געפרעגט, צי מען זאָל גרייטן פאַר אונדז אַ באַזונדערן טיש? נישט וואַרטנדיק אויף מיין פאָטער, וועלכער איז ערגעץ געגאַנגען דאַוונען מנחה, האָבן מיר מסכים געווען אויף דעם פאָרשלאָג.

אָבער ווען מיר זענען שוין געזעסן אַרום טיש סערווירט מיט קורטשעקלעך, געפרעגלטע אין פוטער און אַנדערע שמעקנדיקע פליישן און שוין געווען גרייט צונעמען זיך צו דער אכילה, האָט זיך פּלוצלינג אָן עפּן געטון די טיר און עס האָט זיך באַוויזן מיין פאָטער.

עס איז שווער צו זאָגן ווי לאַנג עס האָט געדויערט די שטילקייט, אין וועלכער מיר זענען געזעסן אַלע ווי פאַרגליווערטע פון שרעק. מיטאַמאָל האָט מיין פאָטער אָנגעהויבן שרייען מיט איבערמענטשלעכע קולות:

— אַרויס זאָלט איר גיין! גויים, טריפניאַקעס! טרפות וועט איר פרעסן? אַרויס, אַרויס!

די קאַפּעליע איז שנעל זיך צעלאָפן. דורך די פענצטער געשפרונגען, און... מיר האָבן געמוזט באַגנוגענען זיך מיט ברויט און פוטער. האַרטע אייער און טיי, וואָס מיין פאָטער האָט געהאַט צוגעגרייט אין דער צייט, ווען מיר זענען געזעסן אַרום דעם טריפענעם טיש.

קיינעם פון אונדז איז נישט געקומען אפילו אויפן געדאַנק צו רעוואָלטירן קעגן דער האַנדלונג פון מיין פאָטער.

פערציק יאָר איז מיין פאָטער געווען קלעזמער אין טשיזשעווע. אָבער צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט אין פוילן



און די אַנטיסעמיטישע העצעס, וועלכע זענען געפירט געוואָרן, ספּעציעל אין טשיזשעווער געגנט, האָט מען אויפגעהערט צו נעמען יידישע קלעזמער צו קריסטלעכע בעלער.

* * *

דעם עפּיזאָד, וואָס איך וועל איצט דערציילן, האָב איך געהערט פון מיין פאָטער, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד כאָטש איך בין נישט קיין אָנהענגער פון ספּיריטואַליזם, וועל איך עס פונדעסטוועגן איבערדערציילן, ווייל עס האָט זיך ביי מיר שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון די ערנסטקייט, מיט וועלכער מיין פאָטער פלעגט דערציילן דעם דאָזיקן פאַקט:

„ווען מיין זיידע איז נאָך געווען גאָר אַ יינגערמאַן, באַלד נאָך זיין חתונה, זענען אין אַ שבת־צונאַכטס אַריינגעקומען צו אים צוויי פּריצים, עלעגאַנט אָנגעטון און געזאָגט, אַז זיי ווילן, ער זאָל מיט זיי מיטפאָרן מיט זיין קאַפּעליע צו אַ באַל, וואָס זיי האָבן היינטיקן אָוונט.

זיי האָבן אָנגערופן דעם נאָמען פונעם דאָרף, וועלכער איז מיין זיידן נישט געווען באַקאַנט. דאָך האָט ער מסכים געווען און צונויפגערופן די חברה.

מען האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיינער קאַרעטע געשפּאַנט מיט דריי פערד און מען איז נאָך אַ האַלבע שעה פאָרן אָנגעקומען אין אַגרויסאַרטיקן הויף, ווו עס האָבן זיך שוין געפונען פיל געסט.

די מוזיקאַנטן האָט מען אַריינגעפירט אין אַ רייזיקן טאַנץ־זאַל און פאָרלעך האָבן אָנגעהויבן טאַנצן.

פּלוצלינג האָבן מיר באַמערקט, אַז דאָס טאַנצן מענטשן מיט הינערישע פיס.

אויף דער חברה שפּילער איז אָנגעפאַלן אַ פחד. אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי מען דרייט זיך אַרויס פונדאַנען.

מיר האָבן ווייטער געשפּילט. אָבער מיר האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט קיין זאַך נישט צו נעמען אין מויל אַריין.

עטלעכע שעה נאכאנאנד האבן מיר געמוזט שפילן, ווייל די טאנצנדיקע פארלעך האבן נישט געוואלט אויפהערן.

עס איז שוין געווען נאענט צו האלבער נאכט, ווען עס זענען צוגעקומען די צוויי פריצים, וואס האבן אונדז געברענגט און געזאגט:

„מיר זענען זייער צופרידן פון אייער שפילן. מיט וואס ווילט איר זאלן מיר אייך באצאלן, מיט גאלד אדער מיט הינערשע מיסט?"

„מיט גאלד" — האט מיין זיידע אן איבערגעשראקענער געזאגט.

באלד איז געווארן א שטארקער שטורעם, עס איז פינצטער געווארן און זיי האבן זיך מיטאמאל געפונען אין א בלאטע, אין וואלד. די פידלען זענען געהאנגען אויף ביימער און די פידל־קעסטלעך זענען געווען אנגעפילט מיט מיסט. זיי האבן מיט שווערער מאטערניש אראפגענומען די פידלען פון די ביימער און קוים זיך דערשלעפט אהיים מידע, פארבלאטיקטע.

שבת זענען אלע געגאנגען אין בית־המדרש צום דאווענען און געבענטשט גומל."

• • •

נאך פארן ערשטן וועלט־קריג האב איך אין מיין ראזורע, וועלכע איך האב געהאלטן אין הויז פון ר׳ ישעיה גאזשאלטשאני, און נאכדעם — ביי פסח טוראוויטש, אדער ווי מען האט אים גערופן פסח דער סאלטיס — איינגעאָרדנט פרייוויליקע קורסן פאר מוזיק.

די פעיקסטע פון די אנטיילנעמער אינעם קורס זענען געווען:

שמואלקע ווענגאזש, אומגעקומען דורך די היטלער־באנדעס, משהל ליטמאנס זון, דערשאסן דורך די פאליאקן, און איטשע ליובעלטשיק, געשטארבן אין סיריע, און ייבדל לחיים שמחה גראמאדזין, היינט אין אמעריקע. ער האט פארגעזעצט די אנפירונג פונעם ארקעסטער שוין נאך מיין אוועקפארן פון טשיזשעווע, וואס האט געשפילט פארן יידישן טעאטער.

מיין טאטן און מיינע אור־זיידעס האב איך צו פארדאנקען פאר דער גייסטיקער ירושה, פאר דעם גייסט און ליבע צו מוזיק, וועלכע ווערט נאך ביי מיר אפגעהיטן ביזן היינטיקן טאג.

מיין פאטער, זיינע דריי ברידער און שוועסטער זענען אלע געשטארבן אין טיפן עלטער, אינעם גאלדענעם לאנד אמעריקע.

יהי זכרם ברוך

http://www.jewishgen.org/Yizkor/Czyzew/Czyzew.html

**Czyzewo Memorial Book**
**(Czyzew, Poland) 52°48' / 22°19'**

**Translation of *Sefer Zikaron Czyzewo*** Edited by Szymon Kanc

Published in Tel Aviv, former residents of Czyzewo in Israel and the USA, 1961
**page 584 left side mentions dancing**